בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

**פרשת תולדות תשע"ז** גליון 386 [שנה ט']

ברוך שהחיינו וקיימנו לזמן הזה אז דער פרדס יהודה גייט שוין אן יעצט גאנצע 8 יאר פון חיי שרה תשס"ט 386 גליונות כן ירבו און יעצט גיין מיר בעזה"י אריין אין ניינטן יאר, א דאנק פאר די אלע וואס העלפן און האבן געהאלפן.

**פארוואס רופט מען זיי לֵיצָנֵי הדור און נישט רשעי הדור?**

וְאֵלֶּה תּוֹלְדֹת יִצְחָק בֶּן־אַבְרָהָם אַבְרָהָם הוֹלִיד אֶת־יִצְחָק: (כה יט) זאגט רש"י לפי שהיו לֵיצָנֵי הַדּוֹר אומרים מאבימלך נִתְעַבְּרָה שרה וכו', שטעלט זיך א שאלה עס וואלט געדארפט שטיין אז די רִשְׁעֵי הַדּוֹר האבן דאס געזאגט און נישט די לֵיצָנֵי הַדּוֹר? זאגט די הייליגער חיד"א, אז לֵיצָנֵי הַדּוֹר זענען חכמים וואס האבן גערעדט דעם אמת מיט א ווערטל, מלשון מליצה, ווייל רש"י זאגט וַה' פָּקַד אֶת־שָׂרָה (בראשית כא, א) פארוואס שטייט די פרשה פון פקידת שרה נאנט צו וַיִּתְפַּלֵּל אַבְרָהָם אֶל־הָאֱלֹקִים – ללמדך שכל המבקש רחמים על חבירו והוא צריך לאותו דבר הוא נענה תחילה, ווייל אברהם האט מתפלל געווען פאר אֲבִימֶלֶךְ איז אברהם געהאלפן געווארן פריערט, קומט אויס אז די לֵיצָנֵי הַדּוֹר האבן געזאגט אמת, אז מֵאֲבִימֶלֶךְ, דורך אברהם'ס תפילה פאר אֲבִימֶלֶךְ, נִתְעַבְּרָה שָׂרָה, אבער די הַמוֹן עַם וואלטן אפגעטייטש כפשוטו אז יצחק שטאמט פון אֲבִימֶלֶךְ, דעריבער האט מען געמוזט מאכן אז יצחק זאל אויסזען פונקט ווי אברהם כדי אלע זאלן וויסן אז יצחק איז דער זון פון אברהם און נישט פון אבימלך. (נחל קדומים מאביו הר"ר ישעיה זלה"ה און פון ספר טירת כסף זון פון כנסת הגדולה)

**דרוש אויף וְרִבְקָה אֹהֶבֶת אֶת־יַעֲקֹב און א ביאור אויף הַקֹּל קוֹל יַעֲקֹב**

וַיֶּאֱהַב יִצְחָק אֶת־עֵשָׂו כִּי־צַיִד בְּפִיו וְרִבְקָה אֹהֶבֶת אֶת־יַעֲקֹב: (כה כח) דארף מען פארשטיין פארוואס שטייט ביי יצחק וַיֶּאֱהַב, א לשון עבר, פארגאנגענערהייט, און ביי רבקה צו יעקב שטייט אֹהֶבֶת א לשון הוֹה, שטענדינגער אהבה? נאר עס שטייט אין די משנה (אבות פ"ה טז) כָּל אַהֲבָה שֶׁהִיא תְלוּיָה בְדָבָר, די אהבה איז וועגן אזאך, בָּטֵל דָבָר, אויב די זאך ווערט בטל, בְּטֵלָה אַהֲבָה. ווערט די אהבה בטל, וְשֶׁאֵינָהּ תְּלוּיָה בְדָבָר, די אהבה וואס איז נישט וועגן עפעס אזאך, אֵינָהּ בְּטֵלָה לְעוֹלָם, און בלייבט נאך און נאך, ממילא ווייל די אהבה פון יצחק צו עשו איז געווען וועגן א סיבה, כִּי־צַיִד בְּפִיו, איז ווען די סיבה איז שוין נישטא איז נישטא די אהבה, דעריבער שטייט וַיֶּאֱהַב, אבער ביי רבקה איז די אהבה נישט געווען וועגן אזאך וואס יעקב האט געטאן, דעריבער שטייט וְרִבְקָה אֹהֶבֶת, לשון הֹוֶה, א שטענדיגער און א אנגייענדיגע אהבה. (של"ה הק') מען קען צושטעלן צו דעם א מדרש (בראשית רבה פס"ג י) וְרִבְקָה אֹהֶבֶת אֶת־יַעֲקֹב, כל שהיתה שומעת קולו, נאר פון הערן די שטימע פון יעקב אליין, היתה מוֹסֶפֶת לוֹ אהבה על אהבה. די אהבה האט זיך כסדר געמערט און געמערט. מיט דער מדרש איז פארענטפערט די קשיא פון של"ה הק' אויפן לשון הֹוֶה אֹהֶבֶת. לפי זה וואלט מען געקענט מסביר זיין א פסוק שפעטער, וַיִּגַּשׁ יַעֲקֹב אֶל־יִצְחָק אָבִיו וַיְמֻשֵּׁהוּ וַיֹּאמֶר הַקֹּל קוֹל יַעֲקֹב וְהַיָּדַיִם יְדֵי עֵשָׂו: (כז כב) דארף מען פארשטיין וואס וויל די תורה מיט קוֹל יַעֲקֹב? און פארוואס שטייט א כפל הלשון הַקֹּל קוֹל יַעֲקֹב? נאר לויט דעם מדרש וואס זאגט אז רבקה הערנדיג די קול פון יעקב האט דאס אריין געברענגט א אהבה צו איר, קומט אויס אז די זיסקייט, און קדושה פון יעקב'ס שטימע האט אריינגעברענגט א אהבה צו דער מענטש וואס האט דאס געהערט, דעריבער ווען יצחק האט געהערט דעם זיסן קול און האט מרגיש געווען וועגן קול א אהבה צו דעם מענטש, האט ער פארשטאנען אז דאס מוז זיין יעקב וואס זיין ווייב רבקה האט אים ליב צוליב דעם קול, דאס איז קוֹל יַעֲקֹב, און דערפאר שטייט הַקֹּל קוֹל יַעֲקֹב צוויי מאל קול ווייל הַקֹּל, דער קול וואס ברענגט אריין אהבה צום מענטש, מוז זיין נאר קוֹל יַעֲקֹב, א קול פון נעימות און קדושה. (שמח זבולון – י.ז. קליטניק)

**עשו איז גרייט צו פארקויפן זיין בכורה פאר די נזיד עדשים?**

הַלְעִיטֵנִי נָא מִן־הָאָדֹם וַיֹּאמֶר יַעֲקֹב מִכְרָה כַיּוֹם אֶת־בְּכֹרָתְךָ לִי: (כה כט–לא) פארוואס איז עשו גרייט צו פארקויפן זיין בכורה פאר די נזיד עדשים? נאר רש"י זאגט אז יענעם טאג איז אברהם נפטר געווארן ממילא איז די שטוב געווען פארנומען מיט צוגרייטן די קבורה און יעקב דער יוֹשֵׁב אֹהָלִים מוז אנגרייטן די עסן סיי אלץ סעודה פון אָבֵל, און סיי פארן שטוב, און אז עשו וואס איז געווען זייער הונגעריג פאסט אים נישט גיין בעטן עסן פון יצחק אין אזא מצב, האט ער געמוזט אנקומען צו יעקב, דעריבער האט יעקב אויסגענוצט דעם געלעגנהייט צו פארקויפן די בכורה און עשו האט דאס פארקויפט פאר די נזיד עדשים. (אשכל הכפר ש. י. רייך – חסיד פחד יצחק באיאן)

**דרוש פארוואס יצחק דארף האבן מטעמים**

וְעַתָּה שָׂא־נָא כֵלֶיךָ תֶּלְיְךָ וְקַשְׁתֶּךָ וְצֵא הַשָּׂדֶה וְצוּדָה לִּי צָיִדה: (כז ג) שטייט אין ספר דְבַשׁ לְפִי פון הייליגן חיד"א (מערכת י סי' יט) אז די כוונה פון די מטעמים איז געווען אז יצחק זאל עס עסן על טהרת הקודש. כדי דאס צו פארשטיין דארף מען מקדים זיין וואס עס שטייט אויפן פסוק וַיֹּאמֶר יִצְחָק אֶל־בְּנוֹ מַה־זֶּה מִהַרְתָּ וגו' וַיֹּאמֶר כִּי הִקְרָה ה' אֱלֹקֶיךָ לְפָנָי: (כז כ) שטייט אין די ספרים הק' טַל חַיִּים פון ליסקא און אור פני יהושע פון גאַלאַנטאַ רב זצוק"ל אז מען דארף פארשטיין וואס איז דא דער ענין פון מִהַרְתָּ שנעלקייט? און וואס ענטפערט יעקב הִקְרָה ה' אֱלֹקֶיךָ, פארוואס זאגט ער הִקְרָה ה'? נאר רש"י זאגט שָׂא־נָא, שארף גוט דיין מעסער און שחט גוט איך זאל נישט עסן נבילות. און עס שטייט אין רא"ש (פ"ק חולין) אז א שוחט דארף בודק זיין די מעסער צוועלף בדיקות, אזוי ווי עס שטייט וּשְׁחַטְתֶּם בָּזֶה וַאֲכַלְתֶּם (שמואל א יד לד) "זה" כמנין י"ב, דאס האט יצחק געפרעגט מַה "זֶּה" מִהַרְתָּ, פארוואס האסטו געמאכט אזוי שנעל און נישט בודק געווען צוועלף בדיקות? האט יעקב געענטפערט, –און אזוי שטייט פון הייליגער בעש"ט אז א צדיק ווייסט אז א מעסער איז גלאט אויב ער זעט דעם שֵׁם הוי' אויף דעם,– ממילא האט יעקב געזאגט כִּי הִקְרָה "ה' אֱלֹקֶיךָ", שם ה', אויף דעם מעסער, לְפָנָי, פאר מיינע אויגן, ממילא איז דאס כשר. ווייל די הייליגע שכינה רוהט נישט אויף א מעסער וואס איז פגום. ע"כ דברי הצדיקים. און הרבני ר' מאיר טענענבוים ז"ל האט מיר געזאגט אז די ס"ת וצא' השדה' וצודה' לי' צידה' איז בגימט' 26 כמנין שם הוי"ה. זעט מען א רמז אין דעם פסוק אז דאס איז געווען די כוונה פון יצחק אז דער שם הוי' זאל לייכטן אויפן סכין, און אין אזא אויפן איז די שחיטה על טהרת הקודש, און דאס האט יצחק געוואלט כדי די רוח הקודש וועט קומען צו אים און געבן די הייליגע ברכות, און ווי אזוי וועט עשו זוכה זיין אז די שם הוי' זאל לייכטן אויפן סכין? נאר דורך מקיים זיין די עשרת הדברות, און די בעל הטורים זאגט אין פסוק וְיִתֶּן־לְךָ הָאֱלֹקִים מִטַּל

הַשָּׁמַיִם וּמִשְׁמַנֵּי הָאָרֶץ וְרֹב דָּגָן וְתִירֹשׁ: צען ווערטער כנגד די עשרת הדברות. מיט דעם איז גוט אונזער פסוק: יצחק זאגט עשו שָׂא־נָא כֵלֶיךָ, שארף דיין מעסער, וְצֵא הַשָּׂדֶה וְצוּדָה לִּי צָיִדה, און שחוט יפה זאלסט בודק זיין די סכין צוועלף בדיקות, ביז דו וועסט זען אויף דעם דעם שם הוי"ה, וַעֲשֵׂה־לִי מַטְעַמִּים כַּאֲשֶׁר אָהַבְתִּי, וועט אלעס געמאכט געווארן על טהרת הקודש, און וְהָבִיאָה לִּי וְאֹכֵלָה, כדי איך זאל עסן כשר, און מיט דעם עסן, בַּעֲבוּר תְּבָרֶכְךָ נַפְשִׁי, וועל איך זוכה זיין צו השראת השכינה, כדי איך זאל דיר קענען בענטשן. (בית ישראל השלם למוה"ז האדמו"ר ממאטערסדארף זצוק"ל)

## מדור העובדות

## דער געטרייע סוחר הרה"ק ר' בונם קערט איבער הימלען אז זיין בעל הבית זאל מצליח זיין

הרה"ק ר' שמחה בונם פון פאשיסחא זצוק"ל איז געבוירן אין שנת תקכ"ה צו זיין טאטן ר' צבי הירש בונהארד, דער מגיד פון וואודיסלאב, מחבר ספרי עשרה למאה און ארץ הצבי. ר' בונם האט געלערנט אין מאטערסדארף ביי הגאון ר' ירמי' מסאנטאב, נאך זיין חתונה איז ער נתקרב געווארן צום קאזניצער מגיד וואס האט אים געזאגט צו זיין א סוחר פון האלץ ביי דעם גביר ר' בערל בערגסון פון ווארשא, וואס האט אויסגעהאלטן אסאך אלמנות און יתומים, און ר' בונם פלעגט פארן פארקויפן די האלץ קיין דאנציג און נאכן פארקויפן איז ער אהיים און געקענט עוסק זיין על התורה ועל העבודה אזוי האט זיך דאס געצויגן ביז הרה"ק ר' דוד מלעלוב האט אים גענומען צום הייליגן חוזה מלובלין און איז דארטן נתקרב געווארן צום יהודי הקדוש

אין זיין לעצטע נסיעה קיין דאנציג איז ר' בונם שוין געווען אין די העכערע שטאפלען אין חסידות און ביי די נסיעה האט זיך געמאכט אז ער האט געהאט צו נעמען מיט זיך גאר אסאך האלץ און ממילא געדארפט נעמען א גרויסע שיף מיט פיל ארבעטארער'ס. דא האט זיין בעל הבית ר' בערל אריינגעלייגט א פארמעגן מיט געלט אבער ער האט געהאפט אז מיטן הילף פון אויבערשטן וועט ער האבן גאר גרויסע רווחים און קענען העלפן נאך משפחות. מען קומט אן קיין דאנציג און עס ווערט שלעכט פאר ר' בונם ווען ער זעט אז די פרייז פון האלץ איז זייער שטארק געפאלן און אויב מען פארקויפט די האלץ יעצט וועט זיין גאר גרויסע שאדענס פאר ר' בערל און ווייל ר' בערל האט געהאט פרייע סוחרים וואס האבן זיך גערייצט מיט אים אז ער נוצט א יונגערמאן וואס זיין קאפ ליגט אין עבודה ממילא וועט ער נישט זיין געטריי פאר אים און קענסט גאר פארלירן דיין פארמעגן, וועט אויך זיין א חילול ה'.

ר' בערל האט אבער געוואוסט אז ר' בונם איז א גאר געטרייע סוחר פאר אים. און יעצט אויב ר' בערל וועט פארלירן זיין פארמעגן וועלן זיך פרייען די פרייע סוחרים און זיי וועלן מאכן א חילול ה'. ר' בונם זעט די מצב פון האלץ אין דאנציג, און רוב סוחרים האבן געהויבן הענט און פארקויפט זייער האלץ און דערלייגט אסאך געלט, אבער דער געטרייער ר' בונם ווערט נישט פארלארן און גייט זוכן א פלאץ אין דאנציג אוועקלייגן די האלץ ביז די פרייזן וועלן ארויפגיין און ער האט גענומען די ארבעטארער'ס אראפנעמען די האלץ פון שיף און זיי געלייגט אין די מחסן און זיי אלעמען אהיימגעשיקט צו ר' בערל אין ווארשא.

ר' בונם זעצט זיך אריין אין בית המדרש און נעמט זיך צו זיין הייליגע עבודה. עס גייט אריבער וואכן און די פרייז פון האלץ איז נאך נידעריג, און די סוחרים הייסן אים פארקויפן פאר ביליג און אהיימפארן ווייל ווער ווייסט צו די פרייז פון האלץ וועט ארויפגיין? ר' בונם איז אבער געטריי אוןווארט. איין טאג באקומט ער א בריוו פון ר' בערל אז ער האט פארלוירן געלט אין עפעס א געשעפט און און אויב ער וועט נישט פארקויפן די האלץ איינגיכן וועט ער חלילה ווערן באנקראט.

דער בריוו האט צונומען ר' בונם סיי וועגן די חילול ה' און אויך פון די אלע אלמנות און יתומים וואס וועלן פארלירן זייער תמיכה! ר' בונם דרייט זיך אהין און אהער אין בית המדרש און טראכט וואס קען ער טאן ביז ער גייט צום ארון קודש און עפענט דאס און זאגט רבונו של עולם דו האסט געבענטשט די הויז פון פוטיפר א מצרי אין זכות פון יוסף הצדיק, ממילא בעט איך דיר איך בונם בין נישט יוסף הצדיק אבער ר' בערל שטייט אסאך העכער פון פוטיפר, ממילא דארף ער נישט אזא זכות פון יוסף הצדיק. דעריבער בעט איך דיר אז זיינע זכותים פון צדקה און מיינע זכותים זאלן זיין גענוג און די פרייז פון האלץ זאל שטייגן, און ר' בערל זאל מצליח זיין.

און אזוי ווי ער ענדיגט זיין הייליגע רייד צום אויבערשטן קומט אריין אין שול א גרויסער האלץ סוחר און זאגט אז ער פאַטרעֶט א גרויסע פאבריק פון האלץ וואס דארף האבן א גרויסע קוואנטום פון האלץ און וועלן קענען נעמען דיין גאנצע סחורה פון מחסן. זאגט ר' בונם גוט, אבער איך פארלאנג א פרייז פאר דעם, און ווען ער זאגט די פרייז גיט דער סוחר א שפרונג ביזטו נארמאל! די פרייז איז א פערטל פון וואס דו פארלאנגסט! "נו!, וואס איז געווען איך וויל דעם פרייז! ווייל מיין בעל הבית איז אין א מצב פון באנקראט און דער אויבערשטער וועט אים העלפן". דער סוחר ווערט אין כעס, אבער ר' בונם זאגט אים דו וועסט נאך צוריק קומען און בעטן איך זאל דיר פארקויפן אויף די פרייז וואס איך האב דיר יעצט געזאגט, און מיטן אויבערשטער'ס הילף גייט די פרייז פון האלץ שטייגן זייער הויך, ווייל מיין תפילה איז אנגענומען געווארן ווייל אז א תפילה וואס גייט גרינג ווערט אנגענומען אזוי ווי ביי ר' חנינא בן דוסא (פ"ה מ"ה דברכות) אם שגורה תפילתי בפי יודע אני שהוא מקובל. דער סוחר גייט אוועק און לאכט זיך אויס.

ר' בונם גייט ארויס אין מארק און איז ביי זיך זיכער אז דער פרייז האט זיך געהויבן און פונקט יענעם טאג איז אנגעקומען א ידיעה אז אין ענגלאנד האט געשטיגן די פרייז פון האלץ גאר הויך און דאס האט שוין געהויבן דעם פרייז פון האלץ אין דאנציג אויף אסאך העכער פון וואס ר' בונם האט געבעטן פון יענעם סוחר, ר' בונם לאזט מעלדן אז ער האט האלץ צו פארקויפן און א גרויסער סוחר איז געקומען מיט געלט און ווען ער האט געזען די האלץ האט ער דאס גענומען און תיכף באצאלט.

דערווייל קומט צו גיין דער פריערדיגן סוחר און וויל באצאלן די פרייז וואס ר' בונם האט אים פארגעלייגט אבער עס איז שוין געווען שוין צו שפעט! ר' בונם האט געברענגט די געלט קיין ווארשא צו א פרייליכן בעל הבית ר' בערל וואס האט געדאנקט דעם אויבערשטן ווייל דאס האט אים געשטעלט צוריק אויף זיין פיס. ר' בונם האט שיין פארדינט פון דעם נסיעה און ער האט אפגעלאזט דעם מסחר און זיך אריינגעלייגט אין עבודת ה' און געווארן דער גרויסע צדיק און מנהיג און ר' בונם איז געווארן די ממלא מקומו פון יהודי הקדוש, און האט אוועק געשטעלט תלמידים: רבי יצחק מווארקא, רבי יחזקאל מקוזמיר, רבי יעקב מראדזימין, רבי מרדכי יוסף מאיזביצה, דער חדושי הרי"ם, רבי אברהם מטשעכנוב, רבי חנוך העניך מאלכסנדר, און רבי מאיר יחיאל ממוגילניצא דער שרף, זיע"א. **אינטרעסאנטע ידיעה אויף זמירות לשבת קודש פרק ט** (המשך יבא בגליון הבא)

***הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" מרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד צו פארקויפן לפי בקשת הרבים, וועגן שבת קודש, שרייב איך מער נישט קיין פרייזן***

*ספר מים חיים מיט הגהות ר' עקיבא איגר, א לאנגע גאנצע בריוו פון הייליגן חפץ חיים, כת"י ר' חיים וויטאל- זיין בר מצוה דרשה, א חיבור פון נתיבות זיין ספר אמת ליעקב, מחזור לימים נוראים ולימים טובים נוסח ספרד דפוס זיטאמיר שנת תרכ"ד זייער זעלטן שיינע מצב און געבונדן, מחזור לשלש רגלים דפוס סלאוויטא מיט גרויסע גליונות, בריוו פון הייליגן חכם צבי, ספר מנוחת אשר שלמד בו מרן הדברי יואל, ספר יעיר אזן להחיד"א מיט פול הגהות א חכם דב"ש און הגאון ר' חיים סתהון, א תעודה מיט חתימת הרה"צ מטאש זצוק"ל, א בריוו פון הרה"ק ר' מרדכי ובנו ר' אברהם די זוויהעלע רבי'ס זצוק"ל,* ספר כתר תורה על מצוות עם הרבה חתימת פון הרה"ק ר' יעקב חיים סאפרין מקאמארנא אויך דריי גמרות פול מיט הגהות פון אים, **ספר מיט צוויי חתימות פון הגה"ק ר' *יחזקאל מערץ*.** א בריוו פון דעם קרבן נתנאל, ספר אוצר הרבנים, ספר פנקס המוהל של החת"ם סופר, בריוו פון הרה"צ ר' ישראל אדעסע, אדמו"ר מקאפישטניץ ר' אברהם יהושע העשיל. ר' יחזקאל ליבשיץ בעל המדרש והמעשה און אויך זיין ברודער ר' הילל, זייער אינטרעסאנט תוכן, מגן אברהם טריסק, מגן דוד ברכת דוד טאלנא, מענה לשון זיטאמיר

**4403 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA 718 438 8414 718 633 5500 T/f Hours are 11-7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: send to- pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday also on the web at *WWW.SEFORIMWORLD.COM*** מען קען באקומען דעם גליון אין די קונטרס גליונות לשבת